בעזהשי"ת

## קוּנְטְרֵס

# זִיךְ גֶט'ן אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה

דֶער קוּנְטְרֵס אִיז מְעוֹרֵר אוּן מְחַזֵק דִי מַאן אוּן וַוייבּ אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ נִישְׁט גֶט'ן, וַוייל דָאס וֶועט זֵיי נָאר בְּרֶענְגֶען צָרוֹת אוּן פְּרָאבְּלֶעמֶען אוּן זֵיי מַאכְן דָאס גֵיהִנוֹם אוֹיף דִי וֶועלְט. עֶנְדֶערְשׁ זָאלְן זֵיי פְּרוּבִּירְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת שָׁלוֹם צוּ מַאכְן, אוּן אֲפִילוּ אִין אָנְהוֹיבּ וֶועט עֶס זַיין שְׁוֶוער, וֶועט עֶס אָבֶּער צוּם סוֹף זַיין אַסַאךְ בֶּעסֶער, עֶס וֶועט זֵיי נָאר בְּרֶענְגֶען אַלֶעס גוּטְס.

אִיבֶּערְגֶעזֶעצְט אוֹיף אִידִישׁ פוּנֶעם קוּנְטְרֵס "לָמָה לְהִתְגָרֵשׁ" פוּן הָרַב הַגָאוֹן הַצַדִיק, עַמוּד הָאֱמוּנָה, וָואס בְּרֶענְגְט אַרַיין דִי הֵיילִיגֶע אוּן רֵיינֶע אֱמוּנָה אִין דִי גַאנְצֶע וֶועלְט

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת מָרָן מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּין, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

**רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָאוֹן הַקָדוֹשׁ

**רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ**

אַרוֹיסְגֶעגֶעבְּן בעזהש"ת
דוּרְךְ חֲסִידֵי בְּרֶסְלֶב - וויליאמסבורג

הכתובת להשיג את הספר הקדוש הזה וכל ספרי
אדמו"ר מוהר"ן מברסלב זי"ע וספרי תלמידיו הקדושים

To obtain this and other Breslov publications:

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh Williamsburg
27 Skillman Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh Boro Park
1011 41 Street
**718-384-1652**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
**845-467-5299**

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
**845-243-0563**

**היכל הקודש בלומינגראוו**
Heichal Hakodesh Bloominggrove
24 Merriewold Ln S
**845-379-1161**

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh Monsey
32 Dolson Rd.
**347-733-7551**

**בארץ ישראל**
**מוסדות "היכל הקודש" חסידי ברסלב**
שע"י עמותת "ישמח צדיק-קהילת ברסלב בגליל"
בהתייסדות ע"י כ"ק מוהרא"ש זצוק"ל
רחוב רבי נחמן מברסלב 1 ת.ד. 421 יבנאל 15225
טלפון רב קווי 04-6708356
פקס: 04-6708359

**Visit Our Web Site:**
**www.breslevcenter.com**
לשמוע השיעורים 212-444-9191

**Find our entire book selection at: amazon.com**

**To donate and/or sponsor one of our books please call: 845-248-1651**

# זִיךְ גֶט׳ן אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה

## א

יֶעדֶער אִיז אֵייבִּיג גֶערֶעכְט. יֶעדֶער מֶענְטְש, נִישְׁט קַיין חִילוּק וָואס עֶר הָאט גֶעטוּן און וִוי אַזוֹי עֶר הָאט עֶס גֶעטוּן, וֶועט עֶר נָאכְאַלְץ אֵייבִּיג הַאלְטְן אַז עֶר אִיז גֶערֶעכְט. און אוֹיב וֶועט עֶר אַמָאל זִיךְ קְרִיגְן מִיט אַ צְוֵוייטְן, וֶועט עֶר – פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ – וַוייטֶער הַאלְטְן אַז נָאר עֶר אִיז הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט גֶערֶעכְט און יֶענֶער אִיז זִיכֶער נִישְׁט גֶערֶעכְט.

און דֶער אֱמֶת איז טַאקֶע אַזוי. יֶעדֶער מֶענְטְשׁ, לוֹיט זַיין פְּרֶעסְפֶּעקְטִיוו און לוֹיט זַיינֶע אוּמְשְׁטֶענְדֶען, אִיז עֶר טַאקֶע גֶעוֶוענְלִיךְ גֶערֶעכְט מִיר וָואס עֶר טוּט. אָבֶער דָאס מֵיינְט נִישְׁט אַז אוֹיב דֶער מֶענְטְשׁ וֶועט זִיךְ הַאלְטְן נָאר מִיט זַיין גֶערֶעכְטִיגְקַייט, דַאן וֶועט עֶר מַצְלִיחַ זַיין אִין לֶעבְן. אַדְרַבָּה, פּוּנְקְט פַארְקֶערְט, אוֹיב אַ מֶענְטְשׁ הַאלְט זִיךְ נָאר מִיט זַיינֶע מֵיינוּנְגֶען און פְּרִינְצִיפְּן, דַאן וֶועט עֶר גֶעוֶוענְלִיךְ זֵייעֶר נִישְׁט מַצְלִיחַ זַיין. די קָאנְסְקֶוֶוענְצְן פוּן בְּלַייבְּן אֵייבִּיג גֶערֶעכְט, קֶען זִיךְ אַרוֹיסְשְׁטֶעלְן צוּ זַיין גָאר וֵוייטָאגְלִיךְ און בְּרֶענְגֶען שְׁוֶוערֶע נָאכְפָאלְגְן.

גָאר שְׁטַארְק זֶעט זִיךְ דָאס אַרוֹיס וֶוען עֶס קוּמְט צוּ ״שָׁלוֹם בַּיִת״. וֶוען דֶער מַאן אָדֶער וַוייב הַאלְטְן יֶעדֶער אֵיינֶער אַז זֵיי זֶענֶען אוֹיסְדְרוּקְלִיךְ גֶערֶעכְט און דֶער אַנְדֶערֶער איז זִיכֶער נִישְׁט גֶערֶעכְט. יֶעדֶער הַאלְט זִיךְ

בַּיי זַיינְס און קֵיינֶער וויל נישְׁט נָאכְגֶעבְן. אַזַא לֶעבְן איז בִּכְלַל נישְׁט קַיין לֶעבְן. דָאס איז נָאר אַ בִּיטֶערֶע אָנְגֶעוֵויטָאגְטֶע לֶעבְן.

און דָאס שְׁטֶעלְט זיך נישְׁט אָפּ בַּיי דֶעם. אויב יֶעדֶער הַאלְט זיך בַּיי זַיינְס, וֶועט עֶס צום סוף אָנְקומֶען דֶערְצו אַז זֵיי זָאלְן בַּאשְׁלִיסְן אַז זֵיי קֶענֶען מֶער נישְׁט לֶעבְן אינְאֵיינֶעם און זֵיי מוזְן זיך גֶט׳ן חַס וְשָׁלום.

פון אויבְנְאויף קֶען אַמָאל אויסְקוקְן ווי דָאס איז די ריכְטִיגֶע עֵצָה. אויב די צְוֵויי קומֶען זיך נישְׁט אויס אינְאֵיינֶעם, זָאלְן זֵיי זיך צֶעטֵיילְן און יֶעדֶער זָאל זיך זוכְן אַ צְוֵוייטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ זָאל אָבֶער זיך גוט איבֶּערְטְרַאכְטְן די נָאכְוֵוייעֶן וָואס וֶועלְן שְׁפֶּעטֶער נָאכְקומֶען דֶערְפון, דַאן וָואלְט עֶר נישְׁט גֶעמַאכְט אַזוי שְׁנֶעל אַזַא שְׁוֶוערֶע בַּאשְׁלוס זיך צו גֶט׳ן.

בִּשְׁעַת דֶער מֶענְטְש אִיז אִין כַּעַס און עֶר אִיז שְׁטַארְק אָנְגֶעוֶויטָאגְט, קֶען עֶר בֶּאֱמֶת נִישְׁט טְרַאכְטְן גֶעהֶערִיג, עֶר וֶועט מַאכְן הַחְלָטוֹת גֶעבּוֹיט נָאר אוֹיף דִי יֶעצְטִיגֶע גֶעפִילְן, און עֶר וֶועט נִישְׁט אִין אַכְט נֶעמֶען וָואס עֶס קֶען שְׁפֶּעטֶער אַרוֹיסְקוּמֶען פוּן דֶעם. און דֶערִיבֶּער, אוֹיבּ עֶס קוּמְט אַרַיין פַאר אַ מֶענְטְש אִין קָאפּ אַזֶעלְכֶע גֶעדַאנְקֶען אַז עֶר ווִיל זִיךְ גֶט׳ן חַס וְשָׁלוֹם, דַארְף עֶר גוּט גֶעדֶענְקֶען אַז מֶען קֶען נִישְׁט מַאכְן אַזֶעלְכֶע הַחְלָטוֹת אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע הַאנְט, דָאס מוּז מֶען גוּט אַדוּרְכְרֶעדְן מִיט אַן אֱמֶת׳ן עֶרְלִיכְן אִיד וָואס הָאט דֶעם קָאפּ אוֹיפְ׳ן פְּלַאץ און עֶר קֶען אָנְקוּקְן דִי מַעֲשֶׂה פוּן אִינְדְרוֹיסְן.

דֶער אֱמֶת אִיז אַז פוּן סַיי וֶועלְכֶע פְּרָאבְּלֶעם אוֹיף דֶער וֶועלְט אִיז דָא אַ וֶועג אַרוֹיס. יֶעדֶער קָאנְפְלִיקְט וָואס אִיז דָא צְוִוישְׁן מַאן און וַוייבּ קֶען מֶען פַארֶעכְטְן

און זיך אויסגְלַייכְן. נָאר מֶען דַארף הָאבְּן צוּ דֶעם אַסַאך סַבְלָנוּת, און מֶען דַארף הָאבְּן אַן עֶרְלִיכֶער קְלוּגֶער אִיד וָואס קֶען וַוייזְן דֶעם רִיכְטִיגְן וֶועג אַרוֹיס. דָאס אִיז אָבֶער קְלָאר ווִי דֶער טָאג אַז זִיךְ צוּ גֶט'ן אִיז נִישְׁט דִי עֵצָה.

עֶס אִיז נִישְׁט פַארְהַאן אַ זַאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט וָואס אִיז גֶעשֶׁען דוּרְךְ אַ צוּפַאל. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט דִי וֶועלְט מִיט אַ גֶעוַואלְדִיגֶע פּוּנְקְטְלִיכְקַייט, און יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט הָאט אַ גֶענוֹיעֶן חֶשְׁבּוֹן. דָאס אִיז אֶמֶת בַּיי יֶעדֶע זַאךְ, און זִיכֶער בַּיי אַזַא גְרוֹיסֶע זַאךְ ווִי אַ שִׁידוּךְ, וָואס בַּיי דֶעם זֶעט מֶען אַזוֹי קְלָאר אַז עֶס אִיז נִישְׁט קַיין צוּפַאל אַז מֶען הָאט פּוּנְקְט צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם בָּחוּר מִיט דֶעם מֵיידְל אַז זֵיי זָאלְן חֲתוּנָה הָאבְּן אִינְאֵיינֶעם. דִי נְשָׁמָה פוּן אַ מַאן און וַוייבּ זֶענֶען גֶעוֶוען אוֹיבְּן אִין הִימְל אֵיין נְשָׁמָה, און נָאר וֶוען זֵיי זֶענֶען

אַרָאפְּגֶעשִׁיקְט גֶעוָוארְן אוֹיף דֶער וֶועלְט, זֶענֶען זֵיי צוּטֵיילְט גֶעוָוארְן צוּ צְוֵויי אַנְדֶערֶע גוּפִים, אַ הַאלְבֶּע נְשָׁמָה אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען צוּ אֵיין פָּאר עֶלְטֶערְן, אוּן דִי אַנְדֶערֶע הַאלְבּ נְשָׁמָה אִיז אַרָאפְּגֶעקוּמֶען צוּ אַ צְוֵוייטֶע פָּאר עֶלְטֶערְן, אוּן דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אַלֶע וֶועלְטְן אַז דִי צְוֵויי טֵיילְן זָאלְן זִיךְ צוּזַאמְקוּמֶען אוּן חֲתוּנָה הָאבְּן, אוּן דַאן וֶוערְט עֶס צוּרִיק פַּארְאֵיינִיגְט צוּ אֵיין גְרוֹיסֶע נְשָׁמָה.

וֶוען אַ אִיד גְלֵייבְּט דָאס בֶּאֱמוּנָה שְׁלֵימָה וֶועט עֶר נִישְׁט טְרַאכְטְן אַז דֶער גַאנְצֶער שִׁידוּךְ אִיז נָאר גֶעוֶוען אַ טָעוּת חַס וְשָׁלוֹם, עֶס אִיז נִישְׁטָא אַזַא זַאךְ וִוי אַ טָעוּת, יֶעדֶע זַאךְ הָאט נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעפִירְט. אוּן אוֹיבּ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער צוּזַאמְגֶעשְׁטֶעלְט דֶעם שִׁידוּךְ, אִיז זִיכֶער אַז דִי צְוֵויי וָואלְטְן זִיךְ גֶעקֶענְט אוֹיסְקוּמֶען צְווִישְׁן זִיךְ אוּן הָאבְּן אִינְאֵיינֶעם אַ גְלִיקְלִיךְ

און פְרֵיילִיךְ לֶעבְּן און זיךְ אֱמֶת׳דִיג לִיבּ הָאבְּן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. דִי גַאנְצֶע סִיבָּה פַארְוָואס דָאס הָאט נִישְׁט פַּאסִירְט אִיז נָאר וַוייל דִי פָּאר-פָּאלְק הָאט נִישְׁט בַּאקוּמֶען דִי רִיכְטִיגֶע אָנְוַוייזוּנְגֶען וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין אֵיינֶער מִיטְ׳ן צְוֵוייטְן, און דָאס הָאט גֶעבְּרֶענְגְט דֶערְצוּ אַז עֶס זָאל זיךְ אָנְהוֹיבְּן קוֹדֶם קְלֵיינֶע קְרִיגֶערַייעֶן און טְשֶׁעפֶּעֲרֵייעֶן, בִּיז עֶס אִיז גֶעגַאנְגֶען אַזוֹי וַוייט אַז זֵיי קְלֶערְן שׁוֹין פוּן אַ גֶט חַס וְשָׁלוֹם.

אַ גֶט אִיז אָבֶער נִישְׁט קַיין קִינְדֶער-שְׁפִּיל, דָאס אִיז עֶנְדֶערְשׁ אַ שְׁפִּיל מִיט פֵייעֶר. עֶס פַארְבְּרֶענְט דֶעם מַאן, דִי וַוייבּ, און נָאךְ מֶער פַארְבְּרֶענְט עֶס אִינְגַאנְצְן דִי קִינְדֶער. רוֹב פְּרָאבְּלֶעמַאטִישֶׁע קִינְדֶער קוּמֶען פוּן שְׁטִיבֶער מִיט גֶע׳גֶט׳עֶ עֶלְטֶערְן. דָאס קִינְד׳ס מֹחַ קֶען דָאס נִישְׁט פַארְנֶעמֶען און דָאס לָאזְט אִיבֶּער אַ פֶּערְמֶענַאנְטֶער שָׁאדְן אוֹיפְ׳ן קִינְד׳ס מֹחַ, אַזַא שָׁאדְן

וָואס מֶען קֶען שוין קֵיינְמָאל נישט פַארֶעכְטְן. נישט קַיין חילוק ווי אַזוֹי דֶער גֶט וֶוערְט אויסגֶעפירְט, אֲפילו וֶוען עֶס וֶוערְט גֶעטוּן אויף די מֶערְסְט פְרידְליכְסְטֶער וֶועג, וֶועט עֶס נָאכְאַלְץ גָאר שְטַארְק שָאטְן פַאר די קינְדֶער. און פַאר דֶעם אַלֵיין וָואלְטְן מֶען זיך גֶעדַארְפְט צוּריק הַאלְטְן פוּן דֶעם שְרֶעקְליכְן אַקְט, בְּלויז אויף צוּ רַאטֶעוֶוען די קינְדֶער.

מֶען קֶען זיך נישט אַרויסְדְרֵייעֶן און זָאגְן אַז מֶען דַארְף נָאר קוּקְן אויף די אֵייגֶענֶע טוֹבָה, אֵיידֶער מֶען קוּקְט אויף די טוֹבָה פוּן די קינְדֶער. ״פַארְוָואס דַארְף איך לַיידְן וֶועגְן מַיינֶע קינְדֶער?״ וַוייל ווי נָאר אַ קינְד איז גֶעבּוירְן גֶעוָוארְן, איז אַרויפְגֶעפַאלְן די אַחְרַיוּת אויף בֵּיידֶע עֶלְטֶערְן צוּגְלַייךְ זיך צוּ זָארְגְן פַאר דֶעם קינְד, און זֵיי קֶענֶען נישט אַרָאפְוַוארְפְן די אַחְרַיוּת פוּן זיך. און דֶעריבֶּער דַארְפְן זֵיי גוּט גֶעדֶענְקֶען אַז אויב

וֶועלְן זֵיי זיך גֶט'ן, וֶועלְן זֵיי מִיט דֶעם אָפּ'הַרְגְ'נֶען זֵייעֶרֶע קִינְדֶער אוֹיף אֵייבִּיג, אוּן דָאס וֶועט זַיין גֶענְצְלִיךְ זֵייעֶר שׁוּלְד.

חַזַ"ל זָאגְן (שַׁבָּת י:) אַז וֶוען אֵיינֶער גֶט זִיךְ פוּן זַיין עֶרְשְׁטֶע וַוייבּ, וֶועט אֲפִילוּ דֶער מִזְבֵּחַ וֵויינֶען אוֹיף דֶעם. אוּן אִין זוֹהַר הַקָדוֹשׁ שְׁטֵייט (פְּקוּדֵי רנה:) אַז ס'זֶענֶען דָא צְוֵויי מַלְאָכִים וָואס זֶענֶען גֶעשְׁטֶעלְט אִיבֶּער צְוֶועלְף טוֹיזְנְט אַנְדֶערֶע מַלְאָכִים אוּן זֵיי אַלֶע וֵויינֶען אוּן קְלָאגְן אוֹיף דִי וָואס גֶט'ן זִיךְ.

אוּן זֵיי הָאבְּן אַסַאךְ אוֹיף וָואס צוּ וֵויינֶען. אַ מֶענְטְשׁ כַאפְּט גָארְנִישְׁט וָואסֶערֶע שָׁאדְנְ'ס עֶר טוּט אָפּ מִיט דֶעם פַאר זִיךְ אַלֵיין, אוּן פַאר אַזוֹיפִיל אַנְדֶערֶע. אַ מֶענְטְשׁ דַארְף קוּקְן אַבִּיסְל אוֹיף דִי וַוייטֶערְדִיגֶע צַייט, נִישְׁט נָאר אוֹיף דִי יֶעצְטִיגֶע מָאמֶענְט. דֶער מֹחַ פַארְנַארְט דֶעם מֶענְטְשׁ אַז קוֹדֶם זָאל מֶען זִיךְ גֶט'ן

כָאטְש פַאר אַ שְטיק צַייט, כָאטְש פַאר אַ וָואךְ, חוֹדֶש אָדֶער יָאר, און נָאכְדֶעם וֶועט מֶען שוֹין זֶען ווי אַזוֹי זַאכְן וֶועלְן זיך אוֹיסְאַרְבֶּעטְן, און דַאן וֶועט מֶען אֶפְשָר קֶענֶען צוּריקְגֵיין. דָאס איז אָבֶער זֵייעֶר פַאלְש גֶעטְרַאכְט. ווי לַאנְג מֶען איז נָאךְ צוּזַאמֶען איז זיכֶער אַלֶעמָאל דָא אַ וֶועג ווי אַזוֹי צוּריק צוּ שְטֶעלְן די שָלוֹם בַּיִת אוֹיפְ׳ן שֶענְסְטְן פַארְנֶעם. אָבֶער די מִינוּט וָואס מֶען גֶט זיךְ איז דֶער גֶעשֶעפְט גֶעשְלָאסְן, עֶס וֶועט שוֹין קֵיינְמָאל זיךְ צוּריק שְטֶעלְן אַזוֹי ווי פְרִיעֶר. דֶער שָאדְן איז שוֹין אָפְּגֶעטוּן גֶעוָוארְן.

אוֹיב הָאט איר חֲתוּנָה גֶעהַאט אִינְאֵיינֶעם דַאן איז הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט זיכֶער אַז סְ׳איז דָא אַ וֶועג ווי אַזוֹי איר זָאלְט קֶענֶען הָאבְן אַ גְלִיקְלִיךְ לֶעבְן אִינְאֵיינֶעם, אַז בֵּיידֶע זָאלְן אֶמֶת׳דִיג זַיין צוּפְרִידְן אין דֶעם גֶעמֵיינְזַאמֶען לֶעבְן. נישְט קַיין חִילוּק וויפִיל מֶענְטשְן

הָאבְּן אַייךְ גֶעזָאגְט אַנְדֶערְשׁ, נִישְׁט קַיין חִילוּק וְויפִּיל מֶענְטְשְׁן הָאבְּן שׁוֹין פְּרוּבִּירְט אַייךְ צוּ הֶעלְפְן און מַאכְן שָׁלוֹם, נִישְׁט קַיין חִילוּק וְויפִּיל מָאל אִיר הָאט שׁוֹין אַלֵיין פְּרוּבִּירְט אוּן נִישְׁט מַצְלִיחַ גֶעוֶועזְן, נָאכְאַלְץ אִיז זִיכֶער דָא אַ וֶועג צוּ שָׁלוֹם. אִיר דַארְפְט נָאר גוּט זוּכְן אוּן טְרֶעפְן אַן אֶמֶת׳ן עֶרְלִיכְן אִיד, אַ גְרוֹיסֶער צַדִיק, וָואס וֶועט אַייךְ קֶענֶען אַרוֹיפְפִירְן אוֹיפְ׳ן רִיכְטִיגְן וֶועג אַז אִיר זָאלְט קֶענֶען טוֹישְׁן אֵייעֶר צוּגַאנְג אֵיינֶער צוּם צְוֵוייטְן, אַז אִיר זָאלְט זִיךְ נֶעמֶען עֶרְנְסְט אִין דִי הַאנְט אַרַיין אוּן אָנְהוֹיבְּן אַרְבֶּעטְן אוֹיף דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, זִיךְ אוֹיפְצוּהֶערְן זִיךְ צוּ קְרִיגְן אוּן נִישְׁט נָאר וֶועלְן אוֹיסְפִירְן שְׁטֶענְדִיג.

עֶס אִיז טַאקֶע נִישְׁט גְרִינְג, עֶס פַארְלַאנְגְט זִיךְ אַסַאךְ אַרְבֶּעט אוֹיף דֶעם, עֶס לוֹינְט זִיךְ אָבֶּער דִי אַרְבֶּעט. וְוי שְׁוֶוער אוּן בִּיטֶער עֶס אִיז אַייךְ יֶעצְט וֶוען אִיר זֶענְט

צוּזַאמֶען, וֶועט עֶס נָאךְ זַיין אַסַאךְ עֶרְגֶער און שְׁוֶועֶרֶער אוֹיבּ וֶועט אִיר זִיךְ גֶט׳ן חַס וְשָׁלוֹם. דָאס אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין עֵצָה.

## ב

״אִיךְ הָאבּ שׁוֹין גָארְנִישְׁט וָואס צוּ פַּארְלִירְן״ - דָאס אִיז דֶער אוֹיסְדְרוּק וָואס מֶען הֶערְט פוּן מֶענְטְשְׁן וֶועלְכֶע ווילְן זִיךְ גֶט׳ן. וָואס קֶען מֶען שׁוֹין פַּארְלִירְן? אוּנְזֶער לֶעבְּן אִיז סַיי ווי אַ גֵיהִנוֹם, עֶס אִיז נִישְׁט דָא קַיין שָׁלוֹם בַּיִת, מֶען קְרִיגְט זִיךְ אַ גַאנְצְן טָאג, מֶען הָאט זִיךְ נִישְׁט לִיבּ, מֶען פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ נִישְׁט אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן; טָא, וָואס קֶען שׁוֹין זַיין עֶרְגֶער פוּן דֶעם? דֶער גֶט וֶועט שׁוֹין נִישְׁט קֶענֶען מַאכְן עֶרְגֶער; אוֹיבּ עֶפֶּעס, וֶועט עֶס נָאר בֶּעסֶער מַאכְן.

דָאס אִיז אָבֶער זֵייעֶר אַ פַּאלְשֶׁער וֶועג פוּן טְרַאכְטְן. אִיר דַארְפְט וויסְן אַז וִויפִיל בִּיטֶערְנִישׁ אִיר זֶענְט שׁוֹין

דורְך בּיז יֶעצְט, וֵוייסְט איר נָאךְ גָארְנישְׁט וָואס בּיטֶער מֵיינְט. איר הָאט נישְׁט קַיין אַנוּנְג די בִּיטֶערְנִישׁ וָואס וַוארְט אַייךְ אָפּ נָאכְ׳ן גֶט. און סְפֶּעצִיעֶל אויבּ ס׳זֶענֶען שׁוין דָא קִינְדֶער. דֶער גֶט וֶועט אָפְּ׳הַרְגְ׳נֶען זֵייעֶר לֶעבְּן אויף אֵייבִּיג, און אֲפִילוּ פַאר אַייךְ אַלֵיין וֶועט דָאס זַיין די עֶרְגְסְטֶע זַאךְ.

דֶער מַאן וֶועט אַרַיינְפַאלְן אין שְׁאוֹל תַּחְתִּית און עוֹבֵר זַיין אויף הַארְבֶּע עֲבֵירוֹת. די פְרוֹי וֶועט אויךְ אָנְקוּמֶען אין תְּהוֹם. און די קִינְדֶער וֶועלְן וֶוערְן אַרוֹיסְגֶעוָוארְפְן ווי מִיסְט אויפְ׳ן גַאס.

קִינְדֶער וָואס הַאלְטְן מִיט אַ קְרִיגֶעַריי צְוִוישְׁן עֶלְטֶערְן און מִשְׁפָּחָה, וֶוערְט זֵייעֶר לֶעבְּן אינְגַאנְצְן רוּאִינִירְט. דָאס איז בֶּאֱמֶת נישְׁט נָאר בַּיי אַ גֶט, נָאר סְתַּם אַזוֹי וֶוען עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ אין פָּארֶענְט פון די קִינְדֶער איז דָאס מַמָּשׁ סַם הַמָּוֶת פַאר זֵיי. זֵיי בַּאקוּמֶען אַן

אינערליכע פּחד וואס שעדיגט זייער מוח. זיי קענען זיך מער נישט קאנצענטרירן אויף א זאך, און זיי פארלירן געוויינליך זייער זעלבס-זיכערקייט.

עלטערן דארפן זיין א ביישפיל פאר די קינדער. אויב עלטערן לעבן אינאיינעם בשלום, זיי האבן זיך ליב און זענען זיך מכבד איינער דעם צווייטן, זיי זענען איבערגעגעבן איינער פאר׳ן צווייטן. זיי לעבן א בשותפות׳דיגע לעבן אז זיי זענען איינציגע שותפים אין יעדע זאך סיי ווען עס גייט גוט און סיי ווען עס גייט נישט גוט, נישט אז ווען עפעס גייט נישט גוט ווארפט מען ארויף די שולד איינער אויפ׳ן צווייטן. קינדער וואס וואקסן אויף אין אזא סארט שטוב, זענען געזונטע קינדער - פיזיש און גייסטיש. זיי האבן אין זיך א שטארקייט און א זעלבס-זיכערקייט, און זיי קענען נאכדעם אליין אויפשטעלן א פרישע געזונטע אידישע

שְׁטוּב, און זֵיי וֶועלְן אוֹיךְ קֶענֶען אוֹיפְצִיעֶן גֶעזוּנְטֶע און עֶרְלִיכֶע אִידִישֶׁע קִינְדֶער.

וֶוען דִי עֶלְטֶערְן זֶענֶען אָבֶּער עַקְשָׁנִים, זֵיי ווִילְן זִיךְ נִישְׁט אַרוֹיסְהֶעלְפְן אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. נָאר פַארְקֶערְט, זֵיי זוּכְן ווִי אַזוֹי צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען און מְצַעֵר זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן. וֶועלְן דִי קִינְדֶער זֶען דֶעם שְׁלֶעכְטְן בַּיישְׁפִּיל, און זֵיי וֶועלְן שׁוֹין אוֹיךְ נִישְׁט קֶענֶען אוֹיפְשְׁטֶעלְן אַ נָארְמַאלֶע אִידִישֶׁע שְׁטוּב.

קוּמְט אוֹיס אַז וֶוען עֶלְטֶערְן קֶענֶען זִיךְ שְׁטַארְקְן אוֹיף זֵייעֶר שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת און נָאכְגֶעבְן אֵיינֶער פַארְ'ן צְוֵוייטְן, און נִישְׁט אַזוֹי שְׁטַארְק שְׁטֵיין אוֹיף דִי אֵייגֶענֶע רֶעכְטְן, נָאר פְּרוּבִירְן ווִי מֶער צוּ פַארְגֶעבְּן און זִיךְ נִישְׁט קְרִיגְן. הָאבְּן זֵיי מִיט דֶעם גֶעהָאלְפְן זִיךְ אַלֵיין, זֵייעֶרֶע קִינְדֶער, און אוֹיךְ זֵייעֶר אֵיינִיקְלֶעךְ עַד סוֹף כָּל הַדוֹרוֹת. און פַארְקֶערְט אִיז פַארְקֶערְט רַחֲמָנָא לִצְלָן, דִי שָׁאדְן

פוּן אַ קְרִיגֶערַיי אִינְדֶערְהֵיים קֶען הָאבְּן גָאר אַ וַוייטֶע הַשְׁפָּעָה, בִּיז פִילֶע דוֹרוֹת שְׁפֶּעטֶער. זִיךְ גֶט'ן אִיז אָבֶּער נִישְׁט דִי עֵצָה. דִי עֵצָה אִיז צוּ אַרְבֶּעטְן אוֹיף זִיךְ אוֹיף אַ וֶועג אַז מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען אוֹיסְקוּמֶען אִינְדֶערְהֵיים מִיט אַ גֶעשְׁמַאק אוּן שִׂמְחָה.

אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט זִיךְ אַיין אַז עֶר וֶועט זִיךְ גֶט'ן אוּן נָאכְדֶעם טְרֶעפְן אַ צְוֵוייטֶע אוּן בֶּעסֶערֶע שִׁידוּךְ. דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט רִיכְטִיג, וַוייל דִי סִיבָּה פַּארְוָואס יֶעצְט אִיז נִישְׁט גוּט אִיז נִישְׁט וַוייל דֶער שִׁידוּךְ טוֹיג נִישְׁט, נָאר וַוייל מֶען הָאט נִישְׁט דִי רִיכְטִיגֶע לִימוּדִים אוּן הַדְרָכָה וִוי אַזוֹי זִיךְ אוֹיסְצוּקוּמֶען אִינְדֶערְהֵיים, אוּן דֶערִיבֶּער וֶועט מִיט אַ צְוֵוייטְן נִישְׁט זַיין בֶּעסֶער. אוֹיב וֵוייסְט מֶען נִישְׁט וִוי אַזוֹי זִיךְ אוּמְצוּגֵיין מִיט אַ מַאן אָדֶער וַוייבּ, וֶועט בַּיי דִי צְוֵוייטֶע זִוּוּג דָאס נָאךְ זַיין פִיל שְׁוֶוערֶער. עֶס וֶועט נִישְׁט וֶוערְן בֶּעסֶער, נָאר עֶרְגֶער.

מֶען דאַרף גוט גֶעדֶענקֶען אַז אוֹיב קוּמְט אֵיינֶער וָואס רֶעדְט צוּ אַז דִי עֵצָה אִיז זִיךְ צוּ גֶט'ן, אִיז אַ סִימָן אַז יֶענֶער אִיז אַ שָׁלִיחַ פוּנֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם וָואס זַיין אַרְבֶּעט אִיז צוּ צוּבְּרֶעכְן אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער. חַזַ"ל זָאגְן (בְּרֵאשִׁית רַבָּה סח, ד) אַז פוּן וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט בַּאשַׁאפְן דִי וֶועלְט, זִיצְט עֶר אוּן שְׁטֶעלְט צוּזַאם שִׁידוּכִים. יֶעדֶער שִׁידוּךְ אִיז אוֹיסְגֶעאַרְבֶּעט גֶעוָוארְן דוּרְכ'ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֵיין, אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף יֶעדֶער שִׁידוּךְ זִיךְ זִיכֶער קֶענֶען גוּט אוֹיסְאַרְבֶּעטְן.

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט נָאר גֶעגֶעבְּן אַ כֹּחַ פַארְ'ן סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא אַז זֵיי זָאלְן דָאס קֶענֶען חָרוּב מַאכְן, וַוייל עֶס דַארְף דָאךְ זַיין אַ בְּחִירָה אוֹיף דֶער וֶועלְט. אוּן דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען וִויסְן אַז דֶער וָואס רֶעדְט צוּ אַז מֶען זָאל זִיךְ גֶט'ן חַס וְשָׁלוֹם אִיז נָאר אַ שָׁלִיחַ פוּן דֶעם סַמֶ"ךְ מֶ"ם אוּן דִי סִטְרָא אַחְרָא צוּ

צוּבְּרֶעכְן אַ אידישֶׁע שְׁטוּבּ. דֶער מֶענְטְשׁ הָאט זִיכֶער אֵייגֶענֶע פְּרִיוַואטֶע אִינְטֶערֶעסְן אִין דֶעם. אָדֶער אִיז עֶס קִנְאָה און שִׂנְאָה, אָדֶער אַנְדֶערֶע אִינְטֶערֶעסְן פוּן כָּבוֹד, גֶעלְט, אָדֶער דִי תַּאֲוָה פוּן נִצָּחוֹן אַז אַ מֶענְטְשׁ מוּז אוֹיסְפִירְן. עֶר כַאפְּט אָבֶער נִישְׁט וָואסֶערֶע חוּרְבָּנוֹת עֶר מַאכְט אָן מִיט דֶעם.

נִישְׁט אַלֶעס וָואס מֶען וִויל - בַּאקוּמְט מֶען, און נִישְׁט אַלֶעס וָואס מֶען בַּאקוּמְט - וִויל מֶען. אַזוֹי גֵייט דָאס לֶעבְּן פוּן אַ מֶענְטְשׁ, און דָאס דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג הַאלְטְן פַאר דִי אוֹיגְן. אֱמֶת טַאקֶע אַז זַאכְן גֵייעֶן נִישְׁט פּוּנְקְטְלִיךְ אַזוֹי וִוי מֶען הָאט זִיךְ אוֹיסְגֶע׳מָשָׁל׳ט און גֶעוָואלְט. דָאס וֶועט אָבֶער סַיי וִוי אֵייבִּיג אַזוֹי זַיין. מֶען דַארְף נָאר וִויסְן וִוי אַזוֹי צוּ הַאנְדְלֶען מִיט׳ן לֶעבְּן. זִיךְ גֶט׳ן אִיז בִּכְלַל נִישְׁט די עֵצָה דֶערְצוּ.

## ג

לָאמיר נוצן אונזער מֹחַ מיט אַביסל יִשוּב הַדַעַת, לָאמיר אַביסל בֶּעסֶער בַּאטְרַאכְטְן דָאס בילְד ווי אַזוי עֶס זֶעט אויס נָאך אַ גֶט. די מַאן און וַוייב קומֶען זיך נישְט אויס צְווישְן זיך, און דֶעריבֶּער ווילְן זֵיי אָפְּהַרְגְ'נֶען זֵייעֶר אֵייגֶענֶע פַאמילְיֶע לֶעבְּן, און אויך פַארְשֶעמֶען די גַאנְצֶע מִשְפָּחוֹת פון בֵּיידֶע זַייטְן. די עֶלְטֶערְן און די פַאמילְיֶע וֶועלְן זיך שֶעמֶען אַרויסְצוּגֵיין אויפְ'ן גַאס, וַוייל יֶעדֶער רֶעדְט און שְמוּעֶסְט אַז זֵייעֶר זוּן און טָאכְטֶער הָאבְּן זיך גֶע'גֶט. זֵיי וֶוערְן צוּ שַאנְד און צוּ שְפָּאט בַּיי יֶעדְנ'ס אויגְן, מֶענְטְשְן וֶועלְן זֵיי זֵייעֶר אַרָאפְּקוּקְן. גֶעוִויסֶע וֶועלְן טַאקֶע צוּשָאקְלֶען דֶעם קָאפּ מיט רַחֲמָנוּת, אָבֶּער מֶער פון דֶעם וֶועט קֵיינֶער זֵיי גָארנישְט קֶענֶען הֶעלְפְן. און שוֹין אָפְּגֶערֶעדְט וָואס די קינְדֶער וֶועלְן לַיידְן פון דֶעם, זֵיי

וֶוערן אינגאנצן צֶעבּראכן אויף אֵייבּיג. און דָאס אַלֶעס איז נָאר וַוייל די מַאן און וַוייבּ זֶענֶען זיך נישט אויסגֶעקוּמֶען צְווישן זיך, און זֵיי הָאבּן גֶעקלֶערט אַז זיך צוּ גֶט׳ן איז די עֵצָה אַרוֹיס פוּן זֵייעֶרע פְּרָאבְּלֶעמֶען. דֶער אֱמֶת איז אָבֶער אַז זיך גֶט׳ן איז נישט די ריכְטִיגֶע עֵצָה, די עֵצָה איז נָאר אַז די מַאן און וַוייבּ זָאלְן אַרְבֶּעטְן אויף זיך צוּ פַארֶעכְטְן זֵייעֶרע בַּאצִיאוּנְגֶען, און דַאן וֶועט יֶעדֶער זַיין פְרֵיילִיך.

דֶער מַאן פוּן זַיין זַייט דַארְף זיך פַארֶעכְטְן די עֶרְשְׁטֶע זַאך אַז עֶר זָאל נישט זַיין קַיין קַארְגֶער אויף זַיין וַוייבּ׳ס חֶשְׁבּוֹן. עֶר זָאל זיך נישט שְׁטֶעלְן אַזוֹי שְׁטַארְק און מַאכְן אַ גַאנְצֶער מַצָב פוּן יֶעדֶע פְּרוּטָה וָואס זַיין וַוייבּ הָאט אויסְגֶעגֶעבְּן. פַארְקֶערְט, עֶר זָאל איר גֶעבְּן גֶענוּג גֶעלְט מיט אַ בְּרֵייטְהַארְצִיגְקֵייט, עֶר זָאל זיך פְרֵייעֶן אַז זי גֶעבְּט אויס דָאס גֶעלְט צוּ קויפְן

שֵׁיינֶע זַאכְן פַאר זִיךְ, פַאר די קִינְדֶער, און פַאר די הויז. אַז זִי זָאל קֶענֶען קויפְן גֶענוּג עֶסְן מִיט אַ בְּרֵייטְקַייט. אַז עֶס אִיז דָא אַ בְּרֵייטְקַייט און הַרְחָבַת הַדַעַת אִינְדֶערְהֵיים וֶועט דָאס דָאךְ מַאכְן פְרֵיילִיךְ אויךְ דֶעם מַאן. נִישְׁט וִוי די שְׁלֶעכְטֶע מֶענֶער וֶועלְכֶע זֶענֶען אַכְזָרִיוּת׳דִיגֶע קַארְגֶע מֶענְטְשְׁן, און צַאפְּן אויס די בְּלוּט פון די וַוייבּ אויף יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט וָואס זִי הָאט גֶעקויפְט און אויסְגֶעגֶעבְּן גֶעלְט.

אויךְ זֶענֶען דָא מֶענֶער וֶועלְכֶע רודְפ׳ן זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער אַז זִי זָאל נִישְׁט גֵיין צוּ אִירֶע עֶלְטֶערְן. דָאס אִיז אַ גֶעפֶּערְלִיכֶע רִשְׁעוּת. צִי עֶר וִויל יָא צִי נִישְׁט אִיז דָאס סוף כָּל סוף אִירֶע עֶלְטֶערְן און עֶר הָאט נִישְׁט קַיין שׁוּם רֶעכְט אִיר צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען פַארְוָואס זִי וִויל אַהִינְגֵיין. עֶר דַארְף נָאר אַרַיינְטְרַאכְטְן אויבּ עֶס וֶועט אִים שְׁמֶעקְן

וֶוען זַיין אֵיידֶעם וֶועט נישט צולָאזְן אַז זַיין טָאכְטֶער זָאל אים קומֶען בַּאזוכְן.

אַזוי זֶענֶען דָא אַסַאךְ שְׁלֶעכְטֶע מִידות בַּיי מֶענֶער וֶועלְכֶע טְשֶׁעפֶּענֶען און רודְפְ׳ן זֵייעֶרֶע וַוייבֶּער, זֵיי דֶערְנִידֶערְן און פַארְשֶׁעמֶען די וַוייבֶּער, און הַאלְטְן אִיר ווי אַ דִינְסְט אַז זי דַארְף נָאר אַרְבֶּעטְן פַאר אִים און אִים צושְׁטֶעלְן פון בֶּעסְטְן און שֶׁענְסְטְן, אָבֶּער דֶער מַאן פַארְגִינְט אִיר נִיטְאַמָאל אַ גוט וָוארְט אִיר צו שְׁטַארְקְן און אִיר מַאכְן גוט שְׁפִּירְן. און נָאכְדֶעם וואונְדֶערְט עֶר זִיךְ פַארְוָואס עֶר הָאט נישט קַיין שָׁלום בַּיִת און עֶס הַאלְט שוין בַּיי אַ גֶט. עֶר דַארְף פָּשוט אָנְהויבְּן צו אַרְבֶּעטְן אויף זִיךְ און בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן עֶר זָאל אַרויסְגֵיין פון זַיינֶע שְׁלֶעכְטֶע גֶעוואוינְהַייטְן.

און די זֶעלְבֶּע איז אויךְ בַּיי די פְרוי פון אִיר זַייט, זי דַארְף אויךְ פַארְשְׁטֵיין די זֶעלְבֶּע זַאךְ אַז זי קֶען נישט

עֶרְוַוארְטְן צוּ הָאבְּן אַ גוּטֶע שָׁלוֹם בַּיִת אוֹיב זִי אִיז מְצַעֵר אִיר מַאן, זִי טְשֶׁעפֶּעט אִים און דֶערְנִידֶערְט אִים.

עֶס זֶענֶען דָא פְּרוֹיעֶן וֶועלְכֶע פְּרוּבִּירְן צוּ גֶעוֶועלְטִיגְן אוֹיף דִי מֶענֶער און פַארְלַאנְגֶען פוּן זֵיי אַז זֵיי מוּזְן טוּן אַלֶעס פוּנְקְטְלִיךְ וִוי אַזוֹי אִיר שְׁמֶעקְט. און אוֹיב וַואגְט עֶר זִיךְ צוּ טוּן אַנְדֶערְשׁ, וֶועט זִי אִים אַזוֹי דֶערְגֵיין דִי יָארְן, אִים טְשֶׁעפֶּען, פַארְשֶׁעמֶען און דֶערְנִידֶערְן, אוֹיף אַ וֶועג אַז עֶס זָאל אִים אִינְגַאנְצְן אַוֶועקְגֵיין דֶער אַפֶּעטִיט פוּן טוּן עֶפֶּעס אַנְדֶערְשׁ פוּן וָואס זִי וִויל. דָאס אִיז נִישְׁט קֵיין וֶועג, אַ מַאן און וַוייבּ דַארְפְן הָאבְּן אַ צוּזַאמְנַארְבֶּעט און זִיךְ קֶענֶען דוּרְכְרֶעדְן און דוּרְכְשְׁמוּעֶסְן אִינְאֵיינֶעם, קֵיינֶער קֶען נִישְׁט 'בַּאלֶעבַּאטֶעוֶוען' אוֹיפְ'ן צְוֵוייטְן.

און אוֹיב קוּמְט זִיךְ דִי פְרוֹי נִישְׁט אוֹיס מִיט אִיר שְׁוִויגֶער, וֶועט זִי נִישְׁט צוּלָאזְן אַז אִיר מַאן זָאל גֵיין צוּ

זַיינֶע עֶלְטֶערְן. דָאס איז אויך אַ גְרויסֶע רִשְׁעוּת. אַ פְרוֹי קֶען נישְׁט צוּרִיק הַאלְטְן אִיר מַאן פוּן גֵיין בַּאזוּכְן זַיינֶע עֶלְטֶערְן, סוֹף כָּל סוֹף איז דָאס זַיינֶע עֶלְטֶערְן אוּן עֶר הָאט די פוּלְסְטֶע רֶעכְט אַרִיבֶּערְצוּגֵיין צוּ זֵיי.

אוּן וֶוער רֶעדְט נָאךְ וֶוען אַ פְרוֹי הַאלְט זיךְ צוּרִיק פוּן צוּ זַיין גְרֵייט אוּן רֵיין פַאר אִיר מַאן, מִיטְ׳ן צִיל אִים מְצַעֵר צוּ זַיין אוּן דֶערְבִּיטֶערְן זַיין לֶעבְן. דָאס איז אַ גֶעפֶערְלִיכֶע אוּמְרֶעכְט וָואס דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער איז אויף דֶעם נִישְׁט מוֹחֵל. עֶס קוּמְט אויף דֶעם גָאר הַארְבֶּע שְׁטְרָאפְן, אוּן אִירֶע תְּפִלּוֹת וֶוערְן נִישְׁט אָנְגֶענוּמֶען.

וֶוען אַ פְרוֹי פִירְט זיךְ אַזוֹי אויף, זָאל זִי זיךְ נִישְׁט וואוּנְדֶערְן פַארְוָואס עֶס איז נִישְׁט דָא קַיין שָׁלוֹם בַּיִת אִין שְׁטוּב, פַארְוָואס עֶס הַאלְט שׁוֹין בַּיי אַזַא מַצָב אַז מֶען וִויל זיךְ שׁוֹין גֶט׳ן. זִי דַארְף נָאר אָנְהוֹיבְּן צוּ אַרְבֶּעטְן אויף זיךְ, צוּ אַרְבֶּעטְן אויף אִירֶע מִידוֹת, אוּן

דַאן וֶועט אַלֶעס וֶוערְן צוּרִיק גֶעשְׁטֶעלְט אוֹיפְ׳ן פְּלַאץ און עֶס וֶועט הֶערְשְׁן שָׁלוֹם וְשַׁלְוָה אִינְדֶערְהֵיים.

מִיר הָאבְּן אוֹיסְגֶערֶעכְנְט עֶטְלִיכֶע בַּיישְׁפִּילְן פוּן שְׁלֶעכְטֶע מִדוֹת וָואס טְרֶעפְן זִיךְ בַּיי אַ מַאן אָדֶער בַּיי אַ פְרוֹי, מֶען קֶען נִישְׁט אַלֶעס אוֹיסְרֶעכֶענֶען, אָבֶער יֶעדֶער וֵוייסְט אַלֵיין בַּיי זִיךְ וָואס זַיינֶע מִידוֹת זֶענֶען, און יֶעדֶער הָאט אַנְדֶערֶע וֶועגְן וִוי אַזוֹי צוּ טְשֶׁעפֶּענֶען און דֶערְנִידֶערְן דֶעם צְוֵוייטְן. אַלֶע סָארְט קְרִיטִיק וָואס מֶען טְרַאכְט אוֹיף אַ צְוֵוייטְן. וֶוען אַ מֶענְטְשׁ גֵייט לֵיידִיג און הָאט נִישְׁט וָואס צוּ טוּן מִיט דִי לֵיידִיגֶע צַייט, וֶועט עֶר נָאר זִיצְן און קְלֶערְן אִיבֶּער דִי חֶסְרוֹנוֹת און פֶּעלֶערְן פוּנֶעם צְוֵוייטְן. און דָאס אִיז זִיכֶער נִישְׁט קַיין וֶועג צוּרִיק צוּ שְׁטֶעלְן אַ שָׁלוֹם בַּיִת.

פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז יֶעדֶער וֶועט טַעֲנָה׳ן אַז נִישְׁט עֶר אִיז דֶער וָואס אִיז שׁוּלְדִיג, דֶער צְוֵוייטֶער אִיז גָאר דֶער

וָואס הָאט דִי שְׁלֶעכְטֶע מִידות, און יֶענֶער אִיז דֶער וָואס דַארְף אַרְבֶּעטְן אויף דִי מִידות. אֲפִילו אויבּ דָאס אִיז טַאקֶע אֱמֶת, אִיז דָאס אָבֶער נִישְׁט דֶער וֶועג צו לֶעזְן פְּרָאבְּלֶעמֶען, דורְכ׳ן אָנְלֵייגְן דִי שולְד אויף אַ צְוֵוייטְן. יֶעדֶער דַארְף נָאר פְּרובִּירְן צו טון פון זַיין זַייט וָואס עֶר קֶען צוריק צו בְּרֶענְגֶען דִי שָׁלום אִין שְׁטוּבּ, יֶעדֶער דַארְף פְּרובִּירְן דָאס מֶערְסְטֶע צו זַיין גוט און וואויל, צו מְוַותֵּר זַיין פַארְ׳ן צְוֵוייטְן דָאס מֶערְסְטֶע וָואס אִיז שַׁיָיך, און דַאן וֶועט עֶר זֶען ווִי יֶענֶער וֶועט אויטָאמַאטִישׁ אויך זִיך פַארְבֶּעסֶערְן.

לָאמִיר זִיך פָארְנֶעמֶען צו פַארֶעכְטְן אונְזֶערֶע אֵייגֶענֶע מִידות, און נִישְׁט יֶענֶעמְ׳ס מִידות. לָאמִיר מוחֵל זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן פַאר אַלֶעס וָואס עֶס אִיז גֶעוֶוען בִּיז יֶעצְט, און דַאן וֶועט אונְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אויך מוחֵל זַיין אויף אַלֶעס, און עֶס וֶועט הֶערְשְׁן שָׁלום

בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּבּ. שָׁלוֹם אִיז דִי כְּלִי וָואס בְּרֶענְגְט אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת אוּן הַשְׁפָּעוֹת, אַזוֹי וִוי דִי חַזַ"ל זָאגְן (עֻקְצִין ג', י"ב) לֹא מָצָא הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא כְּלִי הַמַּחֲזִיק בְּרָכָה אֶלָא הַשָׁלוֹם.

ד

חַזַ"ל זָאגְן (קִידוּשִׁין ל:) אַז עֶס אִיז דָא דְרֵיי שׁוּתְּפִים אִין אַ מֶענְטְשׁ. דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, דִי טַאטֶע אוּן דִי מַאמֶע. אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען וָואס מַאכְן זִיךְ אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, קוּמְט נָאר פוּן דֶעם וָואס מֶען פַארְגֶעסְט פוּנֶעם דְרִיטְן אוּן עִיקָר שׁוּתָּף, וָואס דָאס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער. דִי מַאן אוּן וַוייבּ מֵיינֶען אַז זֵיי קֶענֶען זִיךְ אַלֵיין אַן עֵצָה גֶעבְּן, זֵיי מֵיינֶען אַז זֵייעֶר שְׁטוּבּ לִיגְט נָאר אִין זֵייעֶרֶע הֶענְט, אוּן זֵיי פַארְגֶעסְן אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער וָואס פִירְט יֶעדֶע זַאךְ אוֹיף דֶער

וֶועלט, און נָאר עֶר איז דֶער וָואס גֶעבּט זיך אָפּ אויף מיט זייעֶר הויז.

אָנגֶעהויבּן מיט די קְריגֶערַייעֶן אין שטוב. יֶעדֶער וואַרְפְט אַרויף די שוּלד אויפְ׳ן צְוֵוייטְן וֶוען עֶס פַּאסירְט סַיי וֶועלכֶע פְּרָאבְּלֶעם אין שְטוּב. און דֶער אֶמֶת איז אַז דָאס אַלֶעס קוּמְט נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערשְטְן אַלֵיין. יֶעדֶע שְוֶועריקַייט וָואס אַ מֶענְטְש גֵייט דוּרְך איז נָאר אַ דֶערְמַאנוּנְג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְטְן אַז מֶען זָאל זיך אויפְוֶועקְן און צוּריק קוּמֶען צוּ אים. און וֶוען דֶער מֶענְטְש הָאט נישְט קַיין שֵׂכֶל, הויבְּט עֶר צוּ וַוארְפְן די שוּלְד אויף דֶעם און אויף יֶענֶעם, עֶר הויבְּט זיך אָן צוּ קְריגְן מיט יֶעדְן, אָבֶער דָאס הֶעלְפְט אים גָארְנישְט אַרויס. דֶער אֶמֶת׳עֶר עֵצָה איז נָאר צוּ גֵיין צוּם אֵייבֶּערְשְטְן און זיך אויסְרֶעדְן צוּ אים, צוּ תְּשוּבָה טוּן אויף אַלֶעס וָואס מֶען הָאט זיך אויפְגֶעפירְט נישְט

רִיכְטִיג, אוּן דַאן וֶועט אַלֶעס וֶוערְן מְסוּדָר אוֹיפְ'ן בֶּעסְטְן פַארְנֶעם.

אוּן דָאס אִיז אוֹיךְ דֶער פְּרָאבְּלֶעם וֶוען עֶס קוּמְט צוּ גֶעלְט. חַזַ"ל זָאגְן (תְּמוּרָה ט"ז.) אַז וִוי נָאר עֶס עֶנְדִיגְט זִיךְ דִי פַּרְנָסָה אִין שְׁטוּב, הוֹיבְּט זִיךְ גְלַייךְ אָן דִי קְרִיגֶערַייעֶן. דָאס קוּמְט אוֹיךְ וַוייל מֶען פַארְגֶעסְט אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דֶער וָואס גֶעבְּט פַּרְנָסָה. מֶען זֶעט לַיידֶער פִילֶע אִידִישֶׁע שְׁטִיבֶּער וָואס זֶענֶען צֶעשְׁטֶערְט גֶעוָוארְן בְּלוֹיז וַוייל עֶס הָאט גֶעפֶעלְט פַּרְנָסָה. דֶער מַאן הָאט פַארְלוֹירְן זַיין שְׁטֶעלֶע, דָאס אִיז אַ זַאךְ וָואס פַּאסִירְט צוּ גֶענוּג אוּן נָאךְ מֶענְטְשְׁן, אוּן אַנְשְׁטָאט אַז דִי פְרוֹי זָאל אִים שְׁטֵיין צוּ דִי הַאנְט אוּן אִים שְׁטַארְקְן אַז עֶר וֶועט טְרֶעפְן אַ צְוֵוייטֶע אוּן בֶּעסֶערֶע פַּרְנָסָה, אוּן אַרַיינְגֶעבְּן אִין אִים אַ מוּט אַז עֶר זָאל הָאבְּן דִי חֵשֶׁק צוּ גֵיין זוּכְן אַ גוּטֶע שְׁטֶעלֶע

אַהיימצוּבּרענגען געלט אין שטוּב, אַנשטאט דעם הויבּט זי אים אָן צוּ פאַרשעמען און דערנידערן ביז ער פאַרלירט זיין מוּט, און אַנשטאט צוּ גיין זוּכן פּרנסה, הויבּט ער נאָר אָן זיך צוּריק צוּ קריגן ביז עס ווערט פון דעם אַ גרויסער פייער, און עס האַלט שוין בּיי אַ גט רַחֲמָנָא לִצְלָן.

ווען מען זאל אָבער געדענקען אַז נאָר דער אייבערשטער געבּט פּרנסה, ווערט מען נישט שרייען אויפ׳ן מאַן, נאָר מען ווערט שרייען צוּם אייבערשטן אַז ער זאל שיקן געלט און פּרנסה בשפע. בּיידע, סיי דער מאַן און סיי די פרוי, וועלן נאָר בעטן דעם אייבערשטן אַז עס זאל אַריינקוּמען די שפע, און דאַן וועלן זיי סיי געהאָלפן ווערן מיט פּרנסה, און סיי עס וועט הערשן שלום בּית און פרידן אין שטוּב.

און די זֶעלבֶּע איז בַּיי אַ מַאן וָואס איז קַארְג און וויל נישט געבן גענוג געלט פאר זיין ווייב, דאס קומט אויך נאר פון דעם וויל ער האט פארגעסן אז נאר דער אייבערשטער געבט דאס געלט, ער מיינט אז ער אליין איז דער וואס שאפט די געלט, און דעריבער איז ער אזוי קארג דערמיט. ווען ער זאל אבער האבן א ריינע אמונה אז נאר דער אייבערשטער געבט פרנסה, וועט ער נישט אזוי קארגן אויף די געלט, און ער וועט געבן גענוג געלט בשפע פאר זיין ווייב.

און ווי די חז״ל זאגן זענען די עלטערן מיט׳ן אייבערשטן שותפים אינאיינעם אין די קינדער. און מען דארף זיך רעכענען מיט וואס דער דריטער שותף, דער אייבערשטער, האט צו זאגן וועגן די קינדער. ווען די מאן און ווייב זענען אזוי דערביטערט אז זיי האלטן שוין ביי א גט חס ושלום, דאן קלערן זיי נישט פון די

קִינְדֶער, זֵיי כַאפְּן נִישְׁט די הַארְבְּקַייט פוּן די זַאךְ. זֵיי כַאפְּן נִישְׁט אַז זֵיי הַרְגְ׳עֶנְען די קִינְדֶער אִינְגַאנְצְן.

קִינְדֶער קוּקְן זֵייעֶר שְׁטַארְק אַרוֹיף אוֹיף די עֶלְטֶערְן, יֶעדֶע זַאךְ וָואס זֵיי זֶעעֶן בַּיי די עֶלְטֶערְן אִיז בַּיי זֵיי הֵיילִיג אוּן טֵייעֶר. אוּן וֶוען זֵיי זֶעעֶן וִוי די עֶלְטֶערְן קְרִיגְן זִיךְ אוּן שְׁלָאגְן זִיךְ, לָאזְט דָאס אִיבֶּער אוֹיף די קִינְדֶער אַ שְׁרֶעקְלִיכֶער שָׁאדְן אוֹיף אֵייבִּיג.

די עֶלְטֶערְן זָאגְן: "מִיר דַארְפְן טוּן וָואס ס׳אִיז גוּט פַאר אוּנְז, מִיר וֶועלְן זִיךְ גֶט׳ן אוּן יֶעדֶער וֶועט זִיךְ גֵיין זַיין וֶועג, אוּן די קִינְדֶער זָאלְן גֵיין צוּ אַלֶע רוּחוֹת". דָאס אִיז אַ גֶעפֶערְלִיכֶע אַכְזָרִיוּת אוּן רִשְׁעוּת וָואס הָאט נִישְׁט זַיינְס גְלַייכְן. אַ מֶענְטְשׁ וָואס הַרְגְ׳ט אַ צְוֵוייטְן אִיז דָאךְ אַ גֶעפֶערְלִיכֶער רָשָׁע אוּן רוֹצֵחַ. אוּן נָאךְ מֶער וֶוען אֵיינֶער הַרְגְ׳ט אַסַאךְ מֶענְטְשְׁן, אוּן נָאךְ אַ גְרֶעסֶערֶע רְצִיחָה אִיז וֶוען מֶען הַרְגְ׳ט די אֵייגֶענֶע קִינְדֶער רַחֲמָנָא

לִצְלָן. און דָאס אִיז מַמָשׁ וָואס עֶלְטֶערְן טוּעֶן וֶוען זֵיי גֶט׳ן זִיךְ רַחֲמָנָא לִצְלָן. בְּלוֹיז פַּאר דִי טוֹבָה פוּן דִי קִינְדֶער וָואלְטְן זִיךְ דִי עֶלְטֶערְן גֶעדַארְפְט צוּרִיק הַאלְטְן פוּן צוּ טוּן דֶעם שְׁוֶוערְן אַקְט.

לָאמִיר אַרַיינְבְּרֶענְגֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי אוּנְז אִין שְׁטוּב, און דַאן וֶועט אַלֶעס זַיין גוּט. אַ מֶענְטְשׁ וָואס לֶעבְּט מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶוערְט נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל אוֹיפְגֶעקֶעגְט וֶוען עֶפֶּעס גֵייט נִישְׁט אַזוֹי וִוי עֶר הָאט גֶעוָואלְט. מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן אִין שְׁטוּב וֶועלְן דִי עֶלְטֶערְן זִיךְ מְכַבֵּד זַיין אֵיינֶער דֶעם צְוֵוייטְן, און יֶעדֶע פְּרָאבְּלֶעם וֶועלְן זֵיי אוֹיסְשְׁמוּעֶסְן מִיטְ׳ן אֵייבֶּערְשְׁטְן און דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זֵיי הֶעלְפְן, און זֵיי וֶועלְן לֶעבְּן אִינְאֵיינֶעם בְּשָׁלוֹם וּבְשַׁלְוָה אַלֶע דְרֵיי שׁוּתְּפִים אִינְאֵיינֶעם.

## ה

חַזַ״ל זָאגְן (מוֹעֵד קָטָן י״ח:) אַז יֶעדְן טָאג גֵייט אַרוֹיס אַ בַּת קוֹל פוּן הִימְל אוּן רוּפְּט אוֹיס: ״בַּת פְּלוֹנִי לִפְלוֹנִי״. יֶעדֶער שִׁידוּךְ אִיז אָנְגֶעשְׁרִיבְּן פוּן הִימְל אַז דָאס דַארְף אוֹיסְגֶעפִירְט וֶוערְן, עֶס וֶועט נִישְׁט הֶעלְפְּן קַיין שׁוּם תַּחְבּוּלוֹת וָואס מֶענְטְשְׁן וֶועלְן טוּן קֶעגְן דֶעם שִׁידוּךְ, אוֹיבּ אִיז דָאס בַּאשֶׁערְט וֶועט דָאס זִיכֶער וֶוערְן.

דֶערִיבֶּער דַארְפְּט אִיר גֶעדֶענְקֶען אַז מִיט דֶעם וָואס אִיר ווִילְט זִיךְ גֶט׳ן אוּן צֶעבְּרֶעכְן חַס וְשָׁלוֹם אַ שִׁידוּךְ, גֵייט אִיר מִיט דֶעם קֶעגְן דֶער ווִילְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער. אוֹיבּ הָאט אִיר חֲתוּנָה גֶעהַאט אִינְאֵיינֶעם, אִיז דָאס אַ סִימָן אַז דָאס אִיז גֶעוֶוען דֶער רִיכְטִיגֶער שִׁידוּךְ פוּן הִימְל, אוּן עֶס וֶועט אַייךְ גָארְנִישְׁט בֶּעסֶער וֶוערְן אוֹיבּ אִיר וֶועט זִיךְ צֶעשֵׁיידְן. אִיר וֶועט נָאר הָאבְּן דֶעם גֵיהִנוֹם אוֹיף דִי וֶועלְט, אִיר וֶועט גָאר אַסַאךְ לַיידְן נָאכְדֶעם דֶערְפַאר.

אַנְשְׁטָאט צוּ צוּבְּרֶעכְן דֶעם זִיווּג, צוּ טְרַאכְטְן אַלֶע סָארְט וֶועגְן וִוי אַזוֹי אִיר קֶענְט זִיךְ גֶט׳ן, זָאלְט אִיר עֶנְדֶערְשׁ צוּבְּרֶעכְן אֵייעֶר שְׁלֶעכְטֶע מִידוֹת, אִיר זָאלְט אַרַיינְלֵייגְן אַלֶע כּוֹחוֹת צוּ טְרַאכְטְן אַ וֶועג וִוי אַזוֹי זִיךְ צוּ פַארְבֶּעסֶערְן, צוּ זֶען וִוי אַזוֹי אִיר קֶענְט אָנְהוֹיבְּן צוּ הָאבְּן גוּטֶע מִידוֹת, אוּן דַאן וֶועלְן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען אַוֶועקְפַאלְן פוּן זִיךְ אַלֵיין, אַלֶעס וֶועט שׁוֹין זַיין גוּט.

לַיידֶער זֶעט מֶען אַזֶעלְכֶע זַאכְן אַז אַ מַאן קֶען הָאבְּן אִין זִיךְ אַזַא מָאס רִשְׁעוּת אַז עֶר וֶועט פַארְשֶׁעמֶען אוּן דֶערְנִידֶערְן זַיין וַוייבּ בְּרַבִּים, פַאר דִי אוֹיגְן פוּן דִי קִינְדֶער, פַאר דִי אוֹיגְן פוּן אִיר פַאמִילְיֶע אוּן פְרַיינְדִינְס. דָאס אִיז אַ גֶעפֶערְלִיכֶע רִשְׁעוּת וָואס אַ מֶענְטְשׁ דַארְף אוֹיסְרַייסְן פוּן זִיךְ וִוי שְׁנֶעלֶער. אוּן אַמָאל גֵייט עֶס פַארְקֶערְט אוֹיךְ, וֶוען דִי פְרוֹי קֶען זִיךְ נִישְׁט שְׁטַארְקְן אוֹיף אִירֶע מִידוֹת, אוּן זִי פַארְשֶׁעמְט אִיר מַאן בְּרַבִּים.

און אַזוי ווייטער פאַרשידענע אַנדערע שלעכטע מידות וואָס העלפן נאָר צו צעשטערן אַ שלום בית.

ס'איז שוין צייט זיך אָפּצולאָזן פון די אַלע זאַכן. די בעסטע טובה פאַר'ן מענטש איז ווען ער קען אַרבעטן אויף זיך, ווען ער קען וויינען און בעטן דעם אייבערשטן אַז ער זאָל זוכה זיין אַרויסצורייסן פון זיך אַלע זיינע שלעכטע געוואוינהייטן, און דאַן וועט הערשן שלום ושלוה אינדערהיים.

די גאַנצע לעבן פון אַ מענטש אויף דער וועלט נעמט נישט מער ווי אַן אויגן-בליק. אָט איז מען דאָ און אָט גייט מען שוין אַרויס פון דאָ. ליידער הערט מען ביטערע טראַגעדיעס אויף אַ טעגליכן פאַרנעם, יונגע מענטשן ווערן קראַנק מיט שווערע מחלות לא עלינו, און ליידער זענען דאָ אַסאַך וואָס געזעגענען זיך פון דער וועלט אין אַ יונגן עלטער רחמנא לצלן.

ווען מען טראכט אריין אין דעם, מאכט זיך אַ מענטש אַ חשבון אַז פאר די פּאר יאר וואס מען לעבט אויף דער וועלט, לוינט זיך נישט אַוועקצוגעבן זיך צו קריגן אַ גאנצן טאג, און נאר וועלן שטענדיג אויספירן און ווייזן אַז מ׳איז גערעכט. עס לוינט זיך ענדערש צו אַרבעטן אויף זיך און אויסרייסן פון זיך די שלעכטע מידות, און אַזוי קען מען אָפּלעבן די יארן מיט אַ געשמאק און שמחה.

לאמיר זיך פארשטעלן ווי אַ מענטש ליגט ליידער אין שפּיטאל ביטער קראנק, די דאקטוירים האבן שוין אויפגעגעבן אויף אים און זיי זאגן אַז ער האט נאך קוים עטליכע מינוט אָדער עטליכע שעה צום לעבן, וועט דען אַזא מענטש האבן די מינדערסטע קלער פון אַ גט? אויב יא, מוז ער זיין גאר אַ גרויסער שוטה.

די גַאנְצֶע לֶעבְּן פוּנֶעם מֶענְטְש הֶענְגְט אוֹיף אַ הָאר, מֶען גֶעבְּט זיך אֵיין דְרֵיי און מֶען איז שוֹין לַאנְג נִישְׁט דָא, עֶס לוֹינְט זיך אָנְצוּשְׁטְרֶענְגֶען און אָנְהוֹיבְּן צוּ לֶעבְּן מִיט אֱמוּנָה, צוּ טְרַאכְטְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער און אַלֶעמָאל גֶעדֶענְקֶען אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פִירְט יֶעדֶע קְלֵיינִיקַייט אוֹיף דֶער וֶועלְט, און אוֹיב אֵיינֶער הָאט עֶפֶּעס שְׁלֶעכְטְס גֶעטוּן אִיז עֶס אוֹיך נָאר פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, און צוּ אִים דַארְף מֶען זיך וֶוענְדְן, און נִישְׁט אָנְהוֹיבְּן צוּ פִירְן מַחְלוֹקֶת מִיט דֶעם אָדֶער יֶענֶעם.

ווי וואוֹיל און גוּט איז פַאר די פָּאר–פָּאלְק וָואס נֶעמֶען די אֱמֶת׳ע וֶוערְטֶער אִין הַארְץ אַרַיין, זֵיי צִיעֶן צוּרִיק פוּן זֵייעֶרֶע נַארִישֶׁע גֶעדַאנְקֶען וָואס זֵיי הָאבְּן בִּכְלַל גֶעקְלֶערְט פוּן זיך גֶט׳ן חַס וְשָׁלוֹם, זֵיי מִישְׁן אַרִיבֶּער צוּ אַ נֵייעֶם פְּרִישְׁן בְּלֶעטְל, זֵיי מַאכְן שָׁלוֹם צְווִישְׁן זיך, און דֶערְמִיט בְּרֶענְגֶען זֵיי אַרַיין דֶעם

אֵייבֶּערְשְׁטְן וָואס זַיין נָאמֶען אִיז "שָׁלוֹם" צוּ זִיךְ אִין שְׁטוּב אַרַיין, און דַאן וֶועלְן זֵיי זוֹכֶה זַיין צוּ בַּאקוּמֶען אַלֶע גוּטֶע בְּרָכוֹת און יְשׁוּעוֹת און עֶס וֶועט זֵיי זַיין גוּט אוֹיף דִי וֶועלְט און אוֹיף יֶענֶע וֶועלְט.

תַּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

יואל בן ריצא רעכיל נ"י
וזוגתו
אסתר גיטל בת חיי שרה האדיא תחי'

**וילדיהם**

שלמה, אלחנן חיים, מרים העניא זיסל,
שמעון, נחמן נתן, יצחק דוד, צבי, רחל לאה.

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם
לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני חיי ומזוני
רוויחא, ויזכו לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי
חלציהם, אמן כן יהי רצון.

## הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

## מרדכי שאול יעקב בן צביה פערל אינדיג נ"י
## וזוגתו
## מלכה רחל בת לאה נעמי תחי'

## וילדיהם

## נחמה אסתר, חנה פראדל, דבורה גיטל,

## בלומא, נפתלי צבי, פייגא ליבא, ישראל יוסף.

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות לבם לטובה,
ויתברך מפי אל אליון בבני חיי ומזוני רוויחא, ויזכו
לרוות רוב נחת דקדושה מכל יוצאי חלציהם, אמן
כן יהי רצון.

הספר הקדוש הזה נדפס לזכות

**אברהם צבי בן פיגא נ״י**

**וזוגתו**

**לאה שעניא בת העניא רחל תחי׳**

**וילדיהם**

**רייזל, חיה, רבקה.**

הקדוש ברוך הוא ימלא את כל משאלות
לבם לטובה, ויתברכו מפי אל עליון בבני
חיי ומזוני רוויחא, אמן כן יהי רצון.